בס"ד

# ניגונים פאַר די
# י"ב פסוקים
## אין אידיש!

# Yiddish Pessukim Songs

*Composed by Morah Mushka Lishner*

*To contribute towards the costs of professional Kol Ish recordings of these songs, please email morahmushkasja@gmail.com*

בס"ד

# ניגונים פאַר די י"ב פסוקים

## אין אידיש!

יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד

כל כבודה
בת מלך פנימה

געשריבן דורך מורה מושקא לישנער

בס"ד

# תּוֹרָה

## צו די נִיגון פון: תּוֹרָה צִוָּה

*מושקא לישנער - בית חי' מושקא ק.ה.*

תּוֹרָה צִוָּה לָנוּ מֹשֶׁה
מוֹרָשָׁה קְהִלַּת יַעֲקֹב...

תּוֹרָה איז טַייער און פַיין,
מוֹרָשָׁה מיינט דאָס איז מַיין,
ה' גיט עס צו יעדער איד,
אויך אַ קליינע קינד.

איך לערן מיט חַיוּת און שִׂמְחָה,
וַוייל תּוֹרָה איז אַ הוֹרָאָה,
ווי צו לעבן, ווי צו גיין,
אַן אוצר, אַיי ווי שיין!

בס"ד

# שְׁמַע ישְׂרָאֵל

## צו די נִיגון פון: וְשָׂמַחְתָּ

*מושקא לישנער - בית חי׳ מושקא ק.ה.*

שְׁמַע יִשְׂרָאֵל,
אידן הער זיך צו,
ה' איז אונזער כֹּחַ,
ה' אֱלֹקֵינוּ.
ה' אֶחָד,
אין דער הימל און די ערד,
דער איינציקער קעניג,
אויף די גאַנצע וועלט.

איידער איך גיי שלאָפן,
דער אֱמֶת דערמאָנט קלאָר
“ה' האט מיר ליב,
ער איז אין יעדער אָרט”

וְאָהַבְתָּ אֶת ה', מַיין ליבשאַפט
צו אים שַיינט
אין אַלץ וואָס איך טראַכט,
זאָגט און טוט הַיינט!

בס"ד

# בְּכָל דּוֹר וָדוֹר

## *צו די נִיגון פון: תְּרַנֵּנָּה שְׂפָתַי*

*מושקא לישנער - בית חי' מושקא ק.ה.*

בְּכָל דּוֹר וָדוֹר,
יעדער טאָג פון יאָר,
ס'איז בַיי מיר קלאָר,
צו דאַנקען ה' פאַר יְצִיאַת מִצְרַיִם!

ה' האָט גענומען אונז,
אַלץ צִבְאוֹת ה',
נאָר צו דינען אים,
אין די טאָג טעגליכן לעבן.

איך וועל טאָן וואָס איז רעכט,
ווַייל איך בין נישט קיין קנעכט,
צו דער יֵצֶר'ס נאַרישע עֵצות.

און פונקט ווי גְאוּלָה קינדער אין יענעם צַייט
איך גרייט זיך צו קומען אַרויס פון גָלוּת הַיינט!

בס"ד

# כָּל יִשְׂרָאֵל

## צו די נִיגון פון: יִפְרַח בְּיָמָיו

*מושקא לישנער - בית חי' מושקא ק.ה.*

כָּל יִשְׂרָאֵל,
יעדער איד,
איז דער אויבערשטער'ס טַייערע קינד.

אַזוי ווי אַ בוים אין די גאָרטן פון ה',
ער איז שטאָלץ און האָט נחת פון דעם.

און ער מאַכט גרייט,
אַן אָרט אייביק און פַיין,
ווען מָשִׁיחַ קומט,
די אָרט וועט זַיין מַיין.

איך פיר זיך הַיינט איז לויט אידישקייט,
אַז איך וועל זַיין גרייט פאַר יענעם צַייט!

בס"ד

# כִּי קָרוֹב

## צום נִיגון פון: הוּא אֱלֹקֵינוּ

*מושקא לישנער - בית חי' מושקא ק.ה.*

כִּי קָרוֹב אֵלֶיךָ,
ס'איז גרינג און נאָענט,
פאַר מיר צו טאָן,
וואָס דער אויבערשטער מאָנט.

איך האָב די כֹּחַ און מעגליכקייט,
צו פירן אַ לעבן פון אידישקייט.

בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ,
וואָס איך זאָג און טראַכט,
לַעֲשׂוֹתוֹ,
וואָס איך טו טאָג און נאַכט.

דער יֵצֶר מעג זאָגן נאָר גיי שפילן,
אָבער תּוֹרָה און מִצְווֹת איז מַיין אֱמֶת'ע ווילן!

בס"ד

# וְהִנֵּה ה'

## *צום נִיגוּן פון: מְקוֹלוֹת מַיִם רַבִּים*

*מושקא לישנער - בית חי' מושקא ק.ה.*

מַיין פרַיינד האָט עפעס איך וויל,
איך קען עס נעמען שנעל און שטיל,
קיינער איז דאָ צו זען,
קיינער וועט וויסן פון דעם...
**וואַרט!**

וְהִנֵּה ה'
ער ווייסט פון דעם
יאָ, ער איז דאָ
מיט מיר יעדער שָעָה
ער בלייבט נאָענט
מַיין קאָמענדער-אין-טשיף
ה' פאַרלאזט זיך אויף מיר!

ה' ווייסט איך קען,
ער שטייט ביי צו זען,
ווי איך וועל אים דינען,
ווי איך וועל געווינען,
מַיין עַבֹדָה איז וויכטיג,
און טַייער צו אים,
ער העלפט מיר צו טאָן וואָס איז רעכט!

בס"ד

# בְּרֵאשִׁית

## צום נִיגוּן פון: נוֹדַע בְּיְהוּדָה

*מושקא לישנער - בית חי' מושקא ק.ה.*

בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ
אין אָנהויב האָט ה' באַשאַפן די וועלט
אַלץ אין די הימלן און די ערד

די טונקל פון נאַכט, אַ שרעקעדיקע זאַך,
קען מאַכן מיר פילן אַזוי קליין, אַליין
האָב ניט קיין מורא,  ווייל ס'איז דאָ אַ בּוֹרֵא,
די וועלט איז באַשאַפן פאַר אידן און תּוֹרָה!

*דער אויבערשטער איז בְּעַל הַבָּיִת!*
מיט אַ בְּרָכָה וואָס איך מאַך, איך באַווייז אַז יעדער זאַך
איז באַשאַפן דורך די ווערטער פון ה'

*אַ סאָלדאַט אין צִבְאוֹת ה'!*
ווען איך טו וואס איז ריכטיג, איך מאַך די וועלט ליכטיג
ביז זַיין שַיין איז אנטפלעקט אין אַלץ.

קיין טונקל פון נאַכט,  קיין שרעקעדיכע זאַך,
קען מאַכן מיר פילן אַזוי קליין, אַליין,
איך האָב ניט קיין מורא, ווייל ס'איז דאָ אַ בּוֹרֵא,
די וועלט איז באַשאַפן פאַר אידן און תּוֹרָה!

בס"ד

# וְשִׁנַּנְתָּם לְבָנֶיךָ

## צום נִיגוּן פון: הָאַדֶּרֶת וְהָאֱמוּנָה

*מושקא לישנער - בית חי' מושקא ק.ה.*

וְשִׁנַּנְתָּם לְבָנֶיךָ,
לערן און לערן אויס תּוֹרָה
טאָג און נאַכט!

וואו איך גיי,
וואו איך שטיי,
איך חַזֵר וואָס איך ווייס,
תּוֹרָה איז וואָס איך לעב און טראַכט!

טאטע, מאמע,
שיק מיר צו א שולע,
וואו די זיסע תּוֹרָה,
איך וועל לערנען שיין,

פאַר מַיינע פרַיינד,
אַ לערער איך וועל זַיין,
אַז די זיסע תּוֹרָה,
זיי זאָלן פאַרשטיין!

בס"ד

# יָגַעֲתִּי

## צום נִיגון פון: הוֹשִׁיעָה אֶת עַמֶּךָ

*מושקא לישנער - בית חי' מושקא ק.ה.*

יָגַעֲתִּי ווען איך אַרבעט שווער,
און פרואוו נאָכאַמאָל אַ ביסל מער,
איך האָב אַ בְּרָכָה,
ה' גיט אַ הַבְטָחָה,
ער וועט העלפן מיר האָבן הַצְלָחָה!

תַּאֲמִין
ה' גלויבט אין מיר,
מיט ליבשאַפט און אָן אַ שיעור,
אַז יָגַעֲתִּי - איך וועל האָרעווען
מִצְוֹות צו געפינען,
וּמָצָאתִי,
און איך וועל געווינען!

מַעֲלִין בַּקּוֹדֶשׁ יעדער טאָג,
נאָך אַ מִצְוָה,
נאָך אַ בְּרָכָה וואָס איך זאָג.
מיט אֶמוּנָה אין ה',
מַיין לעבן איז פאַר אים,
איך קען זַיין מַצְלִיחַ,
יאָ איך קען!

# וְאָהַבְתָּ

## צום נִיגון פון: וַיְהִי בִּימֵי אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ

*מושקא לישנער - בית חי' מושקא ק.ה.*

וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ רַבִּי עֲקִיבָא אוֹמֵר זֶה כְּלָל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה

דער עִיקָר פון תּוֹרָה
איז צו ליב האָבן אידן
מיר זַיינען די זעלבע
כאָטש מיר זען אויס פאַרשידן

טיפ אין יעדער איד
איז אַ חֵלֶק פון ה' אַליין
צוליב די נְשָׁמָה
מוז מען זיך פירן שיין

הִלֵל האָט געלערנט אונז "וואָס דו האָסט פַיינט
וואָס דו אַליין גלַייכסט ניט,
טו ניט צו דיין פרַיינד"

היט אָפּ יענעמ'ס כָּבוֹד, יעדער איד איז אֶלֹקוּת
צו העלפען אַן אַנדערע
איז פָּשוּט דער גרעסטער זְכוּת,

אין גַשְׁמִיוּת און רוּחְנִיוּת, מיט-טיילן און געבן,
אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל, דאָס איז אַ חָסִיד'ס לעבן

בס"ד

# וְזֶה כָּל הָאָדָם

## צום נִיגוּן פון: כִּי אָנוּ עַמֶּךָ

*מושקא לישנער - בית חי' מושקא ק.ה.*

איך בין אַ איד,
מיט א תַּכְלִית און אַ צוועק,
אַ סאָלדאַט פון ה',
שטאָלץ, אָן שרעק

מַיין מישאָן איז צו מאַכן
אַ דִירָה פאַר ה'
אַן אָרט וואו ער קען רוען
און מיר קענען אים זען

ווען איך טו אַ מִצְוָה,
דער אויבערשטער קוועלט
ווייל תּוֹרָה און מִצְוֹת
איז דער תַּכְלִית פון די וועלט

צו באַלייכטן די סְבִיבָה,
דאָס איז מַיין ציל,
ביז אַלע וועלן פירן זיך
נאָך ווי ה' וויל

וְזֶה כָּל הָאָדָם וְתַכְלִית בְּרִיאָתוֹ וּבְרִיאַת כָּל הָעוֹלָמוֹת
עֶלְיוֹנִים וְתַחְתּוֹנִים לִהְיוֹת לוֹ דִּירָה זוֹ בַּתַּחְתּוֹנִים

בס"ד

# יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל

## צום נִיגון פון: וַיְהִי בִּישֻׁרוּן מֶלֶךְ

*מושקא לישנער - בית חי' מושקא ק.ה.*

יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל
אַ אידס שְׁלִיחוּת איז גרויס,
צו באַווייזען אַז די וועלט,
איז טאַקע ה'ס הויז.

ה' האָט מיר באַשאַפן,
און גענומען מיר אַריין,
אין דער בעסטע אַרמיי,
אַ סאָלדאַט צו זַיין!

מיט אַ טאַנץ און אַ שמייכל,
מיט לעבעדיקייט,
תּוֹרָה, מִצְוֹות,
פארשפרייטן אידישקייט!

ה' ווערט צופרידן,
מיט זַיין דִירָה דאָ,
איך פריי זיך מיט ה',
די פרייד פון גְאֻולה!